מיינט געגראבן, נאר דאס מיינט "קנין", ד.ה. אין אט דעם קבר וואס יעקב האט אפגעקויפט דייענדיק נאך אין ארץ כנען; וואו זעט מען אז אט דער פירוש איז "מתיישב על הלשון", איז רש"י ממשיך און שרייבט "אר"ע כשהלכתי לכרכי הים היו קוראין למכירה כירה" במילא וויבאלד אז "בכרכי הים" איז מען געווען רגיל אויף צו רופן מכירה בלשון כירה, דארפט מען טייטשט "אשר כריתי" - "אשר קניתי" איז דאס א מדרש וואס איז "מתיישב על הלשון".

רש"י איז זיך מיט דעם ניט מסתפק, נאר ער ברענגט נאך א דריטן פירוש, אויך א מדרש, אבער דא איז רש"י ניט מוסיף אז אט דער מדרש איז מתיישב על הלשון, נאר ער שרייבט סתם "ועוד מדרשו לשון כרי דגור שנטל יעקב כל כסף וזהב שהביא מבית לבן ועשה אותו כרי ואמר לעשו טול זה בשביל חלקך במערה". וואס "כרי דגור" מיינט א קופה, ע"ד ווי מען האט געלערנט פריער (ויצא לא, מז) "יגר שהדותא", וואס דאס מיינט א בארג, א קופה, פון כמה ענינים, עד"ז מיינט דא אויך כרי מלשון קופה, ד.ה. אז יעקב האט גענומען זיין גאנצע געלט וואס ער האט אנגעזאמלט בבית לבן און ער האט דאס אוועקגעגעבן צו עשו'ן פאר זיין חלק וואס ער האט געהאט אין דער מערת המכפלה, ע"כ איז פירוש רש"י.

דא ווערט גלייך שווער א המון קשיות:

א)פארוואס געפינט רש"י פארנויטיק אראפצוברענגען דריי פירושים אויפן ווארט "כריתי"; בפרט אז רש"י אליין טיילט דאס איינאנדער אויף צוויי באזונדערע סוגים: דער ערשטער סוג, ווי מען טייטשט דעם ווארט "כריתי" ע"פ דרך הפשט, כפשוטו, און דער צווייטער סוג, ווי דער ווארט "כריתי"
ווערט אויסגעטייטשט לויט דעם מדרש, דלכן וויבאלד אז דער ווארט "כריתי"
האט א פירוש פשוט, פון לשון "יכרה" גראבן, איז פארוואס דארף מען אנקומען צו א מדרש, אן ענין פון דרוש?

אפילו אז מען וועט האבן אהסברה פארוואס מען דארף אנקומען צו א מדרש אויף אפטייטשן דעם ווארט "כריתי", איז לכאורה אבער גענוג אראפצוברענגען דעם מדרש וואס איז "מתיישב על הלשון", פארוואס דארף מען אויך האבן דעם צווייטן מדרש? בפרט אז דער מדרש איז ניט "מתיישב על הלשון"?

ב)פארוואס בשעת רש"י ברענגט דעם ערשטן מדרש זאגט רש"י אז דער מדרש איז "מתיישב על הלשון", משא"כ בשעת ער ברענגט אראפ דעם צווייטן מדרש, זאגט ער ניט אז דער מדרש איז "מתיישב על הלשון", דלכאורה איז דער צווייטער מדרש אויך "מתיישב על הלשון", ווי מען געפינט במה פעמים בלשון המשנה דעם לשון "כרי"?

ג)אויף זיין צווייטן פירוש אז "כריתי" מיינט "קניתי") ברענגט רש"י א ראיה פון דעם "אר"ע כשהלכתי לכרכי הים כו'", ולכאורה וואס איז נוגע אין פשטות הכתובים וואו מען האט אנגערופן "מכירה" בלשון "כירה" - צי דאס איז געווען בכרכי הים, אדער דאס איז געווען במקום אחר, דא פאדערט זיך בלויז א באווייז אז דער לשון "כריתי" מיינט "מכירה", במילא האט רש"י בלויז געדארפט זאגן אז מען געפינט אז דער לשון "כריתי" מיינט מכירה?

הגם אז די גמרא (ר"ה כו, א) ברענגט דאס בלשון "כשהלכתי לכרכי הים היו קורין למכירה כירה" (נאר לפי גרסתינו האט עס געזאגט רבי, ולגירסת רש"י ווייזט אויס, האט עס געזאגט ר"ע) איז דאס אבער לויט ווי דער ענין איז פארבונדן מיט דרך לימוד הגמרא, משא"כ פירוש רש"י,

ווי געדעדט כמה פעמים, איז דאך עניני פשוטי של מקרא-איז ניט מובן: וואס איז רש"כ'ן נוגע לפירושו וואו מען האט אנגערופן "מכירה" בלשון "כירה"?

ד) די קשיא הידוע: פארוואס ברייגגט רש"י דעם שם פון דעם בעל המאמר, אז"אר"ע כשהלכתי לכרכי הים וכו'"? וואס איז נוגע בפשטות הכתובים ווער האט געזאגט "בכרכי הים היו קורין וכו'"? מען געפינט ברוב מקומות בפירוש רש"י, וואו ער ברייגגט פירושים פון גמרא וכו', אז ער שרייבט נישט ווער עס האט געזאגט פירוש זה אדער ענין זה, איז לכאורה פארוואס ברייגגט רש"י בפירוש זה דעם שם פון דעם בעל המאמר?

בדוגמא צו אט דער רש"י, איז דא אן אנדער פירוש רש"י אין פ' וישלח, וואס רש"י שטעלט זיך דארטן אויפן לשון הכתוב (לג,יט) "קשיטה", וואס יעקב האט געגעבן בני חמור אבי שכם פאר די "חלקת השדה אשר נטה שם אהלו" און איז מפרש אז אט דער ווארט "קשיטה" מיינט "מעה", און רש"י איז ממשיך אז "אמר ר"ע כשהלכתי לכרכי הים היו קורין למעה קשיטה".

האט מען טאקע זיך דארטן אפגעשטעלט און מפרש געווען פארוואס רש"י אין פשטות הכתובים נויטיקט זיך ארויפברייגגען דעם נאמען פון דעם בעל המאמר, און אויך פארוואס רש"י שרייבט דעם לשון "כשהלכתי לכרכי הים", (ראה שיחת ש"פ וישלח תשל"א).

אז מ'רעט שוין וועגן יענע רש"י אין פרשת וישלח, שטעלט זיך אלייך די שאלה:ה) פארוואס דא אין פרשת ויחי בשעת רש"י ברייגגט דעם פירוש פון "אר"ע כשהלכתי לכרכי הים וכו'" זאגט רש"י אז פירוש זה איז "ומדרשו", משא"כ פריער אין פרשת וישלח לערנט רש"י אז אט דער פירוש אויפן ווארט "קשיטה"-"מעה" איז ע"פ דרך הפשט, השם אז די גאנצע ראי' איז פון דעם וואס "אר"ע כשהלכתי לכרכי הים וכו'"? לכאורה וואס איז דער אונטערשייד?

ואדרבה: בפשטות דארף עס זיין ווי רש"י זאגט דארטן, ווארום בפשטות וויבאלד "בכרכי הים" האט מען אנגערופן בגלוי ענין זה בשם זו איז עס אן ענין פון פשט, איז לכאורה פארוואס זאגט רש"י דא אז דאס איז "ומדרשו"?

ו) די קלאץ קשיא(וכאמור כמה פעמים איז דער אויבערשטער מזמין יעדער מאל אז מ'זאל האבן א קלאץ קשיא): פארוואס דארף מען אנקומען צו פסוקים און מדרשים אויף צו ווייזן דעם פירוש אין דעם ווארט "כריתי", בשעת עס איז דא א בפירוש'ער פסוק אין פ' דברים (ב,ו) "אכל תשברו מאתם בכסף ואכלתם וגם מים תכרו מאתם בכסף ושתיתם" וואס זאגט מיינט קויפן? נאכמער: דארטן ציטירט רש"י דעם לשון הפסוק "תכרו", אז דאס מיינט "לשון מקח", ד.ה. אז רש"י לערנט בפשטות הכתובים אז דער ווארט "תכרו", וואס דאס איז פון זעלבן שורש ווי דער ווארט "כריתי", מיינט "לשון מקח", איז לכאורה פארוואס דארף דא רש"י אנקומען צו ראיות און הוכחות פון מדרשים וואס איז דער אפטייטש אין דעם ווארט "כריתי", בשעת אז עס איז דא א בפירוש'ער פסוק אין סוף פ' דברים וואס . זאגט . קלאר אז עס איז "לשון מקח"?

די קשיא ווערט נאך שטארקער: בשעת מ'קוקט אין יענע רש"י זעט מען אז רש"י איז ממשיך אין זיין פירוש און שרייבט " וכן אשר כריתי לי וכו'", ד.ה. אז רש"י אליין טייטשט אפ, לכאורה, אז אונזער "כריתי" מיינט "לשון מקח", ווערט נאך מער פארשטארקט די אויבנדערמאנטע קשיא:

פארוואס דארף רש"י אנקומען צו מדרשים און "כרכי הים" ארויסצובאקומען אן אפטייטש אין דעם ווארט "כריתי", בשעת מ'האט א בפירוש'ן פסוק וואס זאגט קלאר וואס "כריתי" מיינט? און דאס רעדט זיך בזמנו של משה, וואס דאס איז געווען א סך פריער ווי דער זמן פון "כרכי הים"? (און דארטן קען מען בכלל נישט טייטשן אז דאס מיינט גראבן, ווארום דארטן רעדט מען דאך וועגן כסף, "מים תכרו מאתם בכסף").

עס זיינען פאראן מפרשים ווי דער מהרש"א (חדא"ג סוטה יג,א) וואס ווילן זאגן אז (בפשטות) כירה מלשון מכירה איז א זעלטענער ווארט, ובמילא דארף מען אנקומען צו "כרכי הים", ובמילא מובן פארוואס רש"י ברענגט א ראי' צו זיין פשט פון "כרכי הים", און ברענגט נישט אראפ דעם פסוק פון דברים, ווייל דעם לשון "כריתי" געפינט מען נישט אפטמאל אין דער תורה, במילא גיבאלד דאס איז א זעלטנער ווארט, דערפאר ברענגט רש"י א ראי' פון "כרכי הים".

מען קען אבער אזוי נישט איינלערנען אין פירוש רש"י, ווארום מען געפינט א דריטן מאל אין תנ"ך דער לשון "כרי", וואס דאס איז ווי די גמ' חולין (צב,א) ברענגט א פסוק אין הושע (ג,ב) "ואכרה לי בחמשה עשר כסף", במילא זעט מען אז עס שטייט סוין אין א דריטן ארט דער ווארט כרי, קען מען סוין נישט זאגן אז רש"י האלט אז דער לשון "כריתי" איז א לשון זר.

נאכמער: בשעת רש"י האלט אז א געוויסער ווארט איז א לשון זר, סרייבט ער "לא מצאתי לו חבר", אבער בשעת דער ווארט ווערט יא געבראכט א צווייטן מאל שרייבט נישט רש"י אז "לא מצאתי לו חבר", און כש"כ בשעת מען זעט אז דער ווארט תזר'ט זיך איבער א דריטן מאל; ובמילא דא בשעת דער ווארט "כריתי" תזר'ט זיך איבער דריי מאל–אין פרשת ויחי, אין פרשת דברים, און אין הושע, איז דאך זיכער אז רש"י דארף לכאורה נישט אנקומען צו "כרכי הים", איז אויב אזוי הדרא קושיא לדוכתא, פארוואס ברענגט רש"י פון "כרכי הים"?

ו) א צווייטע קלאץ קשיא: די גאנצע ראי' וואס רש"י ברענגט פון "כרכי הים", איז לכאורה פונקט פארקערט פון דעם גאנצן תוכן הפסוק, ווארום דער תוכן הפסוק איז אז יוסף האט געזאגט אז יעקב האט <u>געקויפט</u> דעם קבר זייענדיק נאך אין ארץ כנען, אבער פון "כרכי הים" זעט מען אז מען איז געווען רגיל אויף צו רופן "<u>מכירה</u>" בלשון "כריתי". וואס דער איינפאכער אפטייטש פון דעם ווארט מכירה איז, נישט קויפן, נאר <u>פארקויפן</u>, איז לכאורה פון "כרכי הים" גאר משמע אז דער ווארט "כריתי" מיינט אן ענין הפכי פון דעם ענין "אשר קניתי" – אן ענין פון מכירה?

די שאלה ווערט נאך שטארקער: אויב רש"י וואלט געבראכט זיין ראי' פון דברים, וואלט דאס געווען א ראי' המתאימה, ווארום דער ווארט "מקח" וואס רש"י טייטשט דארטן, מיינט קויפן, במילא איז לפי כ"ז פאדערט זיך סאקע א ביאור פארוואס דארף רש"י אנקומען צו "כרכי הים" און ברענגען א ראי' וואס איז לכאו' פארקערט בשעת ער האט געקענט ברענגען א ראי' פון דברים?

ז) מדובר כמה פעמים אז רש"י איז מדייק אויך אין דעם וואס ער איז מעתיק פון פסוק, איז נישט מובן פארוואס ברענגט רש"י אראפ אויך דעם ווארט "אשר", רש"י גייט דאך נאר מבאר זיין דעם לשון "כריתי", נישט דעם "אשר"? ע"ד ווי אין פ' וישלח בשעת רש"י איז מבאר דעם לשון "קשיטה" ברענגט ער נישט אראפ דעם ווארט "מאה", נאר "קשיטה", ווייל ער איז נאר מבאר דעם ווארט "קשיטה", האט רש"י עד"ז געדארפט

דא אויך מעתיק זיין נאר דעם ווארט "כריתי"? פארוואס איז ער מעתיק אויך דעם "אשר" ?

און דא זיינען פאראן נאך דיוקים, וכמדובר כמה פעמים אז די אלע ענינים דארפן זיין מוכרח פון פשטות הכתובים וכפי שיתבאר לקמן.

אין די הערות פון טאטן אפן זוהר שטעלט ער זיך אין היינטיגע פרשה אפן זוהר דף רכ"ט עמוד ב' בנוגע צו "ר' חזקי' ור' יהודה הוו אזלי בארחא, אמר ר' יוסי כל חד וחד מינן לימא מלי דאורייתא, פתח ר' יהודה ואמר וכו' ור' יוסי פתח ואמר וכו', פתח ר' חזקי' ואמר וכו'", און דערנאך זאגט ער ווייטער אז מיט דעם סדר איז געווען פיר מאל - ד.ה. צוועלף מאל האבן זיי געזאגט דברי תורה, און דערנאך צום דרייצנטן מאל האט ר' יהודה גערעדט בד"ת בשם ר"ש וכו'; איז דער טאטע מבאר דאס באריכות לפי ערך - דעם גאנצן סדר פארוואס זיי האבן פותח געווען מיט אזא סדר, און די שייכות פון דעם צו "אזל בארחא" און דעם מספר פון י"ג, ווי דאס איז ע"ד הקבלה.

כמדובר כמה פעמים האט ער דאס געשריבן אפן גליון, במילא איז פארשטאנדיק אז ער האט נאר באווארענט די ענינים בקיצור, פארלאזנדיק זיך אז דער וואס וועט מעיין זיין אין דעם וועט ער אליין פארשטיין וואס דא איז געבליבן צו פארשטיין און ער איז [illegible].

ובעניננו: ווי קומט עס אז מ'האט גערעדט אין תורה בארחא אין וועג [illegible] דער ענין פון תפילה, ניטש תורה, ווי די גמרא זאגט אין ברכות (כט, סע"ב) אז עס דארף זיין "המלך בקונך וכו'", במילא פארוואס האבן זיי עוסק געווען בתורה? בשעת מען גייט אין וועג דארף מען מתפלל זיין תפלת הדרך ?

בנוגע דער רש"י : וואס רש"י זאגט אלס ערשטן פי' דעם פשט אז "כריתי" מיינט גראבן, און ברייננט אויף דעם א ראי' פון דעם וואס עס שטייט ווייטער"כי יכרה איש", איז מובן, ווארום געגראבן איז דער טייטש פון "כריתי".

אבער רש"י קאן ניטש בלייבן מיט אט דעם פירוש אליין, ווארום דער בן חמש וועט גלייך פרעגן: דא רעדט זיך דאך אז יעקב איז טוין געווען אין מצרים 17 יאר, און די מערה המכפלה איז דאך אין א"י, במילא הויב מען וועט לערנען אז דאס איז פון לשון גראבן, מיינט דאך "כריתי" וואס איך האב געגראבן, ד.ה. אז יעקב האט אליין אויס-געגראבן זיין קבר, וועט מען מוזן זאגן אז דאס איז געווען איידער ער איז געגאנגען קיין מצרים, וואס דאס איז מיט 17 יאר פריער - ליגט זיך דאס ניטש ע"פ פשוטו של מקרא, אז מיט 17 יאר פריער האט יעקב אויסגעגראבן פאר זיך א קבר.

ובפרט אז עס איז משמע פון מדרשים אז יעקב האט געדארפט לעבן מער, במילא בשעה יעקב איז געגאנגען קיין מצרים האט ער גערעכנט אז ער וועט לעבן די זעלבע יארן ווי זיינע עלטערן, האט ער געדארפט לעבן נאך מער ווי זיבעצן יאר, [illegible] אז א מענטש וועט זיך אויסגראבן א קבר צוליב א סאך יארן שפעטער; און אפילו מען וועט זאגן אז רש"י נעמט ניט אן ווי יענע מדרשים אז יעקב האט געדארפט לעבן מער, אבער אפילו בנוגע 17 יאר איז אויך שוועד עפ"י פשטות צו לערנען אז ער זאל דאן אויסגראבן פאר זיך א קבר.

נוסף לזה: דא רעדט זיך ניטש וועגן סתם א קבר וואס מ'דארף אויסגראבן, נאר דא רעדט זיך וועגן די מערת המכפלה, וואס דאס האט מען בכלל ניטש געדארפט גראבן, וואורום דאס איז דאך געווען א"בית ועלי' על גביו" (פירוש רש"י ה"פ כג,ט), און דארטן האט מען אריינ-געלייגט און ניטש געגראבן, ע"ד ווי די גמרא ברייגנגט אין בבא בתרא (ק,ב והילך) אז עס איז געווען דער סדר אין זמן הש"ס אז מען פלעגט לייגן מענטשן אין כוכין, וואס דארטן האט מען ניטש געגראבן, נאר אריינגעלייגט – עס זיינען טאקע דא קברים וואס מען גראבט, אבער דא אין מערת המכפלה האט מען בכללניטש געדארפט גראבן,

דערפאר אפילו מען וועט דוחק זיין אז אויך אין די כוכין פון גמרא האט מען בעדארפט גראבן (אין דעם כותל), אבער אין דער מערת המכפלה האט מען בכלל ניטש געדארפט גראבן, וואורום עס איז דאך געווען א "בית ועלי' על גביו" (אדער א בית לפנים בית ווי די גמרא (עירובין נג,א) זאגט), האט מען זיכער ניטש געדארפט גראבן, במילא קען מען ניטש לערנען בפשטות אז "כריתי" מיינט געגראבן.

ובפרט אז עפ"י פשוטה לייגט זיך ניטש אז יעקב האט אליין געגראבן. – פארוואס האט ער דאס אליין געדארפט טאן ? ווען האט ער דא געדארפט באווארענען? עשו'ן האט ער ניטש געדארפט באווארענען?! איז פארוואס זאל ער אליין גראבן א קבר, דאס לייגט זיך ניטש עפ"י פשוטו.

דעריבער ברייגנגט רש"י א מדרש, אבער א מדרש וואס כאטש עס איז ניטש פשוטו של מקרא איז דאס אבער "מתיישב על הלשון", און דאס איז אז "אטר כריתי" איז מלשון "אטר קניתי", ניטש געגראבן, נאר געקויפט – במילא גייט אוועק די שאלה היתכן יעקב זאל גראבן, יעקב האט טאקע ניטש געגראבן, נאר יעקב האט געקויפט; און דאס איז "מתיישב על הלשון", ווייל אזוי פלעגט מען זאגן אין כרכי הים.

אבער לכאורה וואס איז די ראי' פון דארטן: דא רעדט מען דאך וועגן קויפן און דארפן רעדט זיך וועגן פארקויפן ? דעריבער זאגט רש"י אז דאס איז נאר פון מדרש און ניטש עפ"י פשוטו, אבער א ראי' קען מען ברייגנגן פון דארטן, וואורום מען זעט נאר בעיקר דעם כללות'-דיקן ענין אז אויף א לשון פון שינוי־רשות זאגט מען "כירה", נאר דארטן איז דער שינוי באופן פון מכירה, און דא איז דאס באופן פון קני', אבער דער עיקר ראי' וואס מען ברייגנגט איז אז בשעת עס איז דא א שינוי רשות זאגט מען דעם לשון "כירה".

לפי זה וועט מען פארשטיין פארוואס אין פסוק שטייט "כריתי לי", און רש"י בשעת ער ברייגנגט דעם פירוש פון מדרש זאגט ער ניטש "קניתי לי" נאר ער זאגט "קניתי" סתם, דלכאורה רש"י גייט דאך אפ פסוק, איז ווייבאלד אין פסוק שטייט "לי" האט רש"י געדארפט זאגן עד"ז בפירושן "קניתי לי" ?

אבער לפ"פ הבנ"ל בשעת עס שטייט "כריתי" ווייסט מען ניטש קלאר וואס נאר א שינוי רשות עס איז געווען – צי ער האט פארקויפט אדער געקויפט, וואורום מען געפינט דאך אז "כריתי" מיינט אויך מכירה, דעריבער דארף דער פסוק צולייגן דעם ווארט "(כריתי) לי", אז איך האב דאס געקויפט צוליב מיר, וואס פון דעם איז במילא מובן אז "כריתי" איז מלשון קני', משא"כ בשעת רש"א זאגט "קניתי", וואס דאס איז מובן מעצמו אז

"קניתי" מיינט קויפן (אזיך אן דעם ווארט "לי") דעריבער זאגט רש"י סתם "קניתי".

אבער לפי זה ווערט ניטש פארשטאנדיק: אויב דאס מיינט קויפן, פארוואס דארף דער פסוק זאגן דעם לשון "כריתי" און דארף. צולייגן דעם ווארט "לי" - דער כתוק האט געקאנט זאגן "קניתי" און יעמולט וועט מען פארשטאנען דעם "לי"? פארוואס דארף ער זאגן א מאדנעם לשון און נאך דעם דארפן אויסטייטשן וואס מען מיינט, ער האט געקאנט זאגן א לשון המובן לכל ?

הגם מען געפינט אזוי כמה פעמים אז עס זיינען דא ווערטער וואס מען קאן אויסטייטשן אויף צוויי אופנים און מען דארף צולייגן א ווארט בכדי צו וויסן ווי צו אויסטייטשן דעם ענין, ע"ד ווי עס שטייט (מקץ מא,נו) ביי יוסף "וישבר למצרים", וואס דער ווארט קאן מיינען סיי קויפן און סיי . פארקויפן (פרש"י שם) - אבער עס איז פארט ניטש גלאטיק, ער האט געקאנט זאגן אזא ווארט וואס מען זאל וויסן קלאר וואס מען מיינט און מען דארף ניטש אויסטייטשן וואס מען מיינט.

ובפרט אז מ'געפינט בכלל טאקע ניט אז "כירה" איז מלשון קויכן - רש"י ברייגגט טאקע א ראי' אז "כירה" קאן מיינען מכירה, ניטש גראבן, אבער וואו געפינט מען אז דאס זאל זיין פארבונדן מיט קויפן און ניטש פארקויפן.

דערפאר ברייגגט רש"י דאס וואס עס שטייט אין מדרש, אז עס איז מלשון "כרי" (און איך דעם ליגט טוין יע אן ענין פון פארקויפן - איגו ברור), און לכ"ז איז "כריתי" ממש פארבונדן מיט דעם לשון "כרי", און דאס איז אזיך בשבילי, ווארום דאס איז זיין קופה, ובמילא פאסט דער ווארט -"לי", ווארום כדן זיין קופה האט ער געקויפט.

דער פי' אליין איז אבער שווער, ווארום אויב אזוי פאסט דער "לי" האט א פי', אבער פארוואס דארף שטיין "לי", בשעת אז דער עצם ווארט "כריתי" מיינט קויפן, איז שוין פארשטאנדיק מעצמו אז דאס איז פאר יעקב'ן ? דעריבער מוז רש"י אנקומען צום ערשטן מדרש אז דאס מיינט גאר ניט ממש קויפן נאר סתם שינוי רשות, און אויף דעם דארף מען האבן דעם "לי" אויף ווייזען אז דא מיינט עס געקויפט.

לפי זה וועט מען אויך פארשטיין דאס וואס רש"י קאן ניטש ברייגגען קיין ראי' פון פ' דברים פון "תכרו", ווארום אויב אזוי וועט זיין ניטש פארשטאנדיק דאס וואס אין פסוק שטייט "לי" - אויב "כירה" מיינט קויפן איז פארוואס דארף ער מוסיף זיין "לי", דעריבער מוז רש"י ברייגגען דעם ערשטן מדרש אז דאס מיינט בכלל שינוי רשות, און אויף דעם דארף מען מוסיף זיין דעם "לי" אויף ווייזן אז ס'מיינט געקויפט.

לויט דעם איז אויך מובן דאס וואס רש"י דארף מעתיק זיין פון פסוק דעם ווארט "לי", וואס לכאורה איז רש"י גאר מבאר דעם "כריתי"? ווארום רש"י וויל מיט דעם מרמז זיין פארוואס מען קאן ניטש לערנען ווי עס שטייט אין דברים "תכרו" מלשון קויפן, ווארום יעמולט ווערט שווער דער "לי", דעריבער מוז רש"י לערנען ווי דער מדרש אז דאס איז מלשון שינוי רשות, און אויף דעם קומט דער "לי" באווייזן צו וועמען איז געווען דער שינוי רשות - "לי" צו מיר.

מיט דעם ווערט אויך פארענטפערט פארוואס רש"י איז מעתיק דעם ווארט "אשר" פון פסוק, ווארום "אשר" איז א נתינת טעם, ד.ה. אז יעקב האט געוואלט מדגיש זיין צו יוסף, און דערנאך זאל יוסף דאס איבער געבן

אז מרעה – פארוואס ער שטעלט זיך איין אזוי שטארק און ער וויל דוקא נקבר ווערן אין מערת המכפלה: "אשר (וויל) כריתי", ווארום אין "כריתי" ליגט א ביאור אין דעם:

לויטן ערשטן פי' מיינט דאך "כריתי" מלשון גראבן, קומט אויס אז יעקב האט אליין אויסגעגראבן זיין קבר, בשעת דעם מען פון דעם אז יעקב האט געהאט אין דעם א גרויסע חשיבות, דלכאורה פארוואס האט יעקב געדארפט אליין גראבן? ער האט דאך געהאט קינדער און עבדים ושפחות, וואס זיי האבן געקענט פאר אים אויסגראבן דעם קבר, איז פארוואס האט ער זיך געהארעוועט מטריח זיין? נאר ווייבאלד דאס איז געווען פאר אים א טייערע זאך, דעריבער האט ער זיך נישט פארלאזט אויף א צווייטן, נאר ער איז אליין געגאנגען אויסגראבן פאר זיך א קבר.

דאס האט יעקב געזאגט: היות ער האט געהאט אין דעם אזא חשיבות, ביז אז "כריתי" ער האט עס אליין אויסגעגראבן, דעריבער מאנט ער אז די שטארק פון יוסף'ן און פרעה, אז מ'זאל אים דוקא מקבר זיין אין דער מערת המכפלה, ווייל עס איז געווען פאר אים א דבר חשוב.

עד"ז לפי דעם צווייטן פירוש: "אשר (מלשון נתינת טעם) כריתי" וואס איך אליין האב דאס געקויפט; און אויך לפי דעם צווייטן מדרש אז ער אליין האט גענומען זיין גאנצע געלט און געמאכט א קופה אויף קויפן די מערת המכפלה, דעריבער האט ער געוואלט אזוי שטארק נקבר ווערן אין מערת המכפלה.

(ע"כ הנ"ל מתורץ ג"כ הא דרש"י מעתיק בראייתו גם התיבה "כי יכרה" איש – להורות גודל השתדלות יעקב בזה (ע"ד כריתי – ברי דברי' (דכאן) שייכות לאיש(. וגם "יפתח איש" יל"פ ש הקשורה בקישוריים, אז שטעט הא' – למקוטי קטן)).

עס איז אויך קיין קשיא נישט וואס אחרונים פרעגן: ווי האט געהאלטן דאס וואס יעקב האט אפגעקויפט פון עשו'ן זיין חלק אין מערת המכפלה, בשעת די גמרא זאגט (ב"ב ק,ב. טוש"ע יו"ד סוס"ו ס"א) אז אויב איינער האט פארקויפט זיין חלק אין קברי בני משפחה איז דער דין נישט קוקנדיק אויף דעם וואס ער האט גענומען געלט אויף דעם, איז בשעה ער שטארבט גייען זיי גיין צום לוקח און אוועקנעמען פון אים דעם חלק וואס ער האט אפגעקויפט, ד.ה. אז נישט קוקנדיק אויף דעם וואס ער האט דאס אפגעקויפט פון אים, און עס איז דורכגעגאנגען א משך זמן רב, פונדעסטוועגן בשעה דער מוכר שטארבט איז דער דין אז מ'נעמט דאס צו פון לוקח.

שטעלט זיך דא די שאלה: ווי האט געהאלטן דאס וואס יעקב האט אפגעקויפט פון עשו'ן זיין חלק, אזא מכירה העלפט דאך נישט?

נאר דער ביאור אין דעם איז: דער גאנצער טעם פארוואס מען טאר נישט פארקויפן א חלק פון בני המשפחה צו א פרעמדן, איז דאס נאר ווייל היות יעדער איז א פרעמדער צו דער משפחה, איז דאס א פגם פאר דער משפחה אז מען וועט דארפן אריינלייגן א פרעמדן וואס געהערט נישט צו דער משפחה, דעריבער העלפט נישט די מכירה, משא"כ אבער דא וואס עס רעדט זיך אז יעקב האט אפגעקויפט פון עשו, זיינען דאך יעקב און עשו פון דער זעלבער משפחה, במילא איז דאך דער חסרון פון א פגם בזיון,

– ווייטער –

דעריבער האט יעקב געקאנט אפקויפן פון עשו זיין חלק.

לפי דעם ערשטן פי׳ בלייבט נאך אלץ שווער: אויב מען וועט לערנען אז יעקב אליין האט געגראבן, און בפשטות דארף מען זאגן אז אלץ האט ער געטאן בכדי אז דער קבר זאל בלייבן זיינער און קיינער זאל עס ניט צונעמען - באווארענען אז עשו זאל ניט צונעמען זיין חלק, אבער דאס לייגט זיך נישט עפ"י פשטות אז יעקב האט געדארפט אזוי שטארק באווארענען אז עשו זאל עס נישט צונעמען; נאך מערער: פארוואס דארף דער פסוק זאגן "לי", עס איז פארשטענדיק אז בשעת יעקב גראבט א קבר איז עס נישט פאר א צווייטן פאר עשו׳ן, נאר ער גראבט עס פאר זיך, איז בשעת עס שטייט"כריתי" איך האב אליין געגראבן, פארשטייט מען אליין אז דאס גראבט ער נאר זיך, איז פארוואס דארף דער פסוק מוסיף זיין "לי" ?

אויף דעם ברייננגט רש"י דעם צווייטן פי׳ נישט פון לשון גראבן נאר קויפן, וואס דאס קאן מיינען סיי קני׳ און סיי מכירה, דערפאר לייגט צו דער פסוק "לי", אז ס׳איז געווען "לי", אז דאס האט ער געקויפט און ניט פארקויפט.

אבער עס איז פארט שווער: פארוואס דארף דער פסוק זאגן אזא לשון ווי "כריתי" און צולייגן "לי" בכדי מען זאל וויסן אויף וועמען דאס גייט, ער האט געקאנט מלכתחלה זאגן א גלאטן לשון, וועט מען מען פארשפארן צו לייגן דעם "לי"? ער האט געקאנט זאגן "קניתי"?

אויף דעם ברייננגט רש"י אזוי האט מען דאס אנגערופן בכרכי הים, במילא האט דאס א ספעציעלע חשיבה: דאס באווייזט אויף די חשיבות פון דעם קנין, ווארום אויב דאס וואלט ניט געווען"בכרכי הים" נאר סתם אין א קליין שטעטל יעמאלט זיינען די קנינים נישט אזעלכע שטארקע קנינים, היינט מאכט מען אזוי און מארגן האט מען חרטה און מען מאכט אנדערש, במילא איז דער קנין מלכתחלה א קליינער קנין, דעריבער זאגט רש"י אז דער קנין "כריתי" האט מען אנגערופן אין "כרכי הים", וואס "כרכי הים" מיינט גרויסע שטעט, שטעט פון מסחר, ווארום עס איז לעבן דעם ים וכו׳, במילא בשעת מען זעט אז אין אזא שטאט רופט מען אן מכירה בשם "כירה", איז א ראי׳ אז "כריתי" איז גאר א שטארקער קנין; דעריבער האט דער פסוק אנגעכאפט דוקא דעם לשון "כריתי" בכדי אויף מדגיש זיין אויף ווי שטארק עס איז געווען דער קנין.

מ׳דארף אבער פארשטיין: פארוואס דארף רש"י זאגן אז דאס האט געזאגט ר"ע? נאר דער ענין אין דעם איז: אין גמרא איז פאראן אט דער ענין אין צוויי ערטער (ר"ה כו, א; סוטה יג, א) און אין איין ארט איז עס בשם ר"ע (לגירסת רש"י), און אין צווייטן ארט בשם ר׳ יוחנן, וואס ר"ע (בר"ה) זאגט "בשהלכתי לכרכי הים היו קורין למכירה כירה", אבער ר׳ יוחנן (בסוטה) זאגט "אין כירה אלא לשון מכירה שכן בכרכי הים קורין למכירה כירה",

במילא בשעה דער בן חמש למקרא וועט זען ווי ר"י זאגט אז "אין כירה אלא לשון מכירה" וועט ער גלייך א פרעג טאן: ווי קאן מען זאגן אז"<u>אין</u> כירה אלא לשון מכירה", בשעת עס זיינען דא כמה פסוקים אין דער תורה וואס רופט אן גראבן "כירה", ע"ד ווי "כי יכרה איש", און דער פסוק פון הויטע, במילא פרעגט ער ווי קאן מען זאגן "אין כירה אלא לשון מכירה"? דעריבער מוז רש"י זאגן אז דאס האט

געזאגט ר"ע, וואס ר"ע זאגט נישט אז "אין כירה אלא לשון מכירה", אז קיין אנדער טייטש האט עס ניט, נאך ער זאגט סתם אז בכרכי הים פלעגט מען זאגן פ' "כירה" אויף מכירה, בנוגע ר"י אליין וועט מען דארפן דוחק זיי' לערנען פשט אין די פסוקים, אבער אין פשוטו של מקרא קען מען אזוי ניט לערנען דעריבער ברייגגט רש"י אז דאס האט געזאגט ר"ע.

עס איז מובן פארוואס אין דברים ברייגגט רש"י נישט אזא אריכות בשעת ער איז מבאר אז "תכרו" איז "מלשון כקת וכו׳", ווארום ווי ס׳איז ידוע דער כלל פון רש"י אז בשעת ער זאגט אן אריכות אין איין ארט, איז בשעת ער זאגט דאס א צווייטן מאל זאגט ער דאס נישט איבער מיט די זעלבע אריכות, ווארום ער האט דאס געזאגט דעם ערשטן מאל, במילא פארלאזט ער זיך אויף דעם ערשטן מאל.

בנוגע צו דעם ביאור אויף זהר: דאס וואס ער זאגט דארטן דוקא דעם ענין פון לימוד התורה און זאגט נישט ענין התפלה, אע"פ אז בנוגע דרך דארף דאך זיין תפלה:

ער איז מדייק אז נישט זיי האבן געהאלטן ביי ארויסגיין אין וועג, נאר "הוו אזלי בארחא" זיי האבן שוין געהאלטן אין מיטן וועג, און דאן קאן נישט זיין דער ענין התפלה דאס קאן זיין דוקא בתחלה הדרך, ווארום תפלה דארף דאך האבן ישוב הדעת, און אינמיטן וועג אי' איז נישטא קיין ישוב הדעת, וואס דערפאר דארף זיין די תפלה איידער מ׳פארט ארויס אין וועג, היות אז "כל הדרכים בחזקת סכנה" (ירוש׳ ברכות פ"ד ה"ד), שטייט ער דאך אין א מצב פון סכנה, דערפאר דארף זיין פאר דעם דער ענין התפלה, אבער דא וואס זיי זיינען געווען באמצע הדרך איז נישטא דער ענין התפלה, נאר דער ענין התורה.

דא האט דער אויבערשטער מזמין געווען אז דער זוהר פון היינטיגע פרשה איז פארבונדן מיט דעם ענין הידוע וואס עס דארף דאך זיין באופן פון "אל תשכח", וואס ער זאגט נאך דעם אז "פתח ר"י ואמר אל תזכר לנו עונות ראשונים וכו׳" וואס ער האט געמאנט אז דער אויבערשטער זאל אונז נישט איבערגעבן צו קיינע שרים, נאר מען זאל זיין אונטער דעם אויבערשטן אליין, דערנאך זאגט ער ווייטער אז אויב מען וואלט נישט געטאן קיין עובדין בישין וואלטן די אוה"ע נישט געקאנט האבן אויף אונז קיין שליטה.

דערנאך זאגט ער ווייטער נאך מער אז בנוגע א"י איז נישט קוקנדיק אויף דעם וואס עס זיינען דא די חטאים וואס פועל׳ן דעם גלינו מארצינו, פונדעסטוועגן פעול׳ט דאס נישט אז גוים זאלן קאנען ארייננעמען אין א"י; ווער קאן אויפטאן אז גוים זאלן ארייננעמען אין א"י איז דאס דוקא דורך די אידן אליין, אז בשעת א איד ברייגגט אריין א גוי קיין א"י, אט יעמולט איז די איינציקע צייט וואס א גוי קאן זיין אין א"י – און יעמולט וועט ער האבן פון אים צרות וכו׳.

זעט מען פון דעם ווי דער זוהר האט שוין באווארנט אז א גוי בעצם האט קיין שייכות נישט מיט א"י, און די איינציקע שייכות וואס ער קאן האבן צו א"י איז דאס דורך דעם וואס א איד אליין ברייגגט אים אריין,